ב"ה

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייעֶרעֶ קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

תזריע - החודש תשפ"ב
גליון 87

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת פַּאר אַלֶע טַייעֶרעֶ קִינְדֶער**

דֶער קוּמֶענְדִיגֶער שַׁבָּת אִיז גָאר אַ דֶערְהוֹיבֶּענֶער שַׁבָּת, עֶס הָאט אַסַאךְ מַעֲלוֹת.

מֶען זָאגְט דִי יוֹצְרוֹת פוּן פָּרָשַׁת הַחֹדֶשׁ, מֶען נֶעמְט אַרוֹיס דְרַייִ סִפְרֵי תּוֹרוֹת, מֶען זָאגְט הַלֵּל, בַּיי מוּסָף 'אַתָּה יָצַרְתָּ', אוּן מֶען הֵייבְּט אָן צוּ לֵיינֶען פָּרָשַׁת הַנְּשִׂיאִים. צוּ דִי אַלֶע מַעֲלוֹת קוּמְט צוּ נָאךְ אַ מַתָּנָה אַז דֶער שַׁבָּת אִיז רֹאשׁ חֹדֶשׁ נִיסָן, דֶער טָאג וָואס אִיז בַּאקְרוֹינְט גֶעוָוארְן מִיט צֶען קְרוֹינֶען, אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ בְּרֶענְגְט פָארִיגֶע וָואךְ אוֹיפְן פָּסוּק 'וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי'.

אוּנְז בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים הָאבְּן נָאךְ אַ סִבָּה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ ווייל אִין דֶעם טָאג אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן דֶער הֵיילִיגֶער גְרוֹיסֶער רֶבִּי, אוּן זַיין גֶעבּוּרְטְס טָאג אִיז גֶעוֶוען שַׁבָּת אַזוֹי וִוי עֶס פַאלְט אוֹיס דָאס יָאר.

דֶערִיבֶּער אִיז עֶס אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן אִין רֶבִּינְ'ס וֶועג. יֶעדֶער אִיד לוֹיט זַיין עֶלְטֶער אוּן אוּמְשְׁטֶענְדְן קֶען אָנְהֵייבְּן פוּן דַאסְנֵיי צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'נְס עֵצוֹת, צִי אִיז דָאס מִיט תְּפִלָּה בְּכַוָּונָה, אָדֶער זָאגְן תְּהִלִּים - לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת אָדֶער אַנְדֶערֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, אָדֶער זִיךְ בַּאנֵייעֶן מִיט רִקּוּדִים אוּן מְחִיאַת כַּפַּיִם. יֶעצְט פַאר פֶּסַח קֶען מֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן מִיט כִּבּוּד אָב וָאֵם אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן אִין שְׁטוּב צוּ רֵיינִיגְן לִכְבוֹד יוֹם טוֹב מִיט שִׂמְחָה אוּן חִיּוּת.

דִי מִצְוָה פוּן קִדּוּשׁ הַחֹדֶשׁ, אִיז צוּ מְקַדֵּשׁ זַיין דִי לְבָנָה וֶוען זִי אִיז נָאךְ זֵייעֶר קְלֵיין, מַמָּשׁ אַ דִינֶע פִּינְטְל, אַזוֹי וִוי אַ נְקוּדָה טוֹבָה אוּן דֶעמָאלְטְס דַארְף מֶען אִיר זוּכְן בִּיז דִי עֵדוּת זָאגְן אַז מֶען הָאט אִיר גֶעזֶען אוּן זֵיי קוּמֶען צוּם בֵּית דִין, אוּן בֵּית דִין זָאגְט אוֹיף דִי נַייעֶ לְבָנָה "מְקֻדָּשׁ מְקֻדָּשׁ", דָאס הֵייסְט דוּרְךְ דֶעם וָואס בֵּית דִין אוּן גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל זָאגְן 'מְקֻדָּשׁ' בְּרֶענְגְט מֶען אַרוֹיף דִי לְבָנָה פוּן אִיר פֶּעלֶער אוּן זִי הֵייבְּט אָן זִיךְ אָנְפִילְן.




פּוּנְקְט אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען דִי גְאוּלָה פוּן מִצְרַיִם, כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעוֶוען אוֹיף זֵייעֶר אַ נִידֶערִיגֶע מַדְרֵיגָה, אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַז אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען אִין אַזַא מַצָּב פוּן דֶעסְט וֶועגְן 'בְּדָמַיִךְ חֲיִי, בְּדָמַיִךְ חֲיִי', זֵייט זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דִי קְלֵיינֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, אַזוֹי וִוי ס'וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין מִדְרָשׁ אַז צוּלִיבּ פִיר זַאכְן זֶענֶען דִי אִידְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן, דָאס קוּמְט לֶערְנֶען אַז אֲפִילוּ זֵיי הָאבְּן נָאר גֶעהַאט דִי קְלֵיינֶע נְקוּדוֹת זֶענֶען דָאךְ אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין דֶעם חֹדֶשׁ צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סַיי בְּרוּחָנִיּוּת. עֶס זָאל שׁוֹין מְקֻיָּם וֶוערְן דֶער מַאֲמַר חֲזַ"ל בְּנִיסָן נִגְאֲלוּ וּבְנִיסָן עֲתִידִין לִיגָּאֵל אָמֵן וְאָמֵן.

# "זוּשָׁא גָאט"

אִין שְׁטֶעטֶעלֶע בְּרֶסְלֶב הָאט גֶעווֹאוֹינְט אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע גְרוֹיסֶע לַייט וָואס מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן "ר' זוּשָׁא גָאט". דֶעם צוּנָאמֶען הָאט עֶר בַּאקוּמֶען פוּן דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן שְׁטָאט וַוייל אַ גַאנְצְן טָאג הָאט עֶר גֶערֶעדְט נָאר פוּנֶעם 'אוֹיבֶּערְשְׁטְן', אוּן אִין זַיינֶע אַלֶע רֵייד הָאט עֶר דֶערְמַאנְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

דֶער ר' זוּשָׁא הָאט גֶעהַאט אַ שְׁפֵּייז קְרָאם – אַ גֶעשֶׁעפְט פוּן עֶסְן, אוּן וֶוען אֵיינֶער אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אִין גֶעשֶׁעפְט בֶּעטְן עֶפֶּעס אַ זַאךְ צוּ קוֹיפְן, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: יָא, נֶעם וָואס דוּ ווִילְסְט. אוּן אִיז גְלַייךְ צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען לֶערְנֶען אוּן דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

אֵיינֶע פוּן דִי יָארְן הָאט עֶר גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן קַיין טְשֶׁערִין וֶועגְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט, דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי:

נֶעבְּן דִי שְׁטֶעטֶעלֶע בְּרֶסְלֶב אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטָאט וָואס דָארְט הָאט גֶעווֹאוֹינְט אַ רֵייכֶער פָּרִיץ, וָואס הָאט פַארְמָאגְט זֵייעֶר אַ טַייעֶרֶע מַאנְטְל גֶעמַאכְט פוּן טַייעֶרֶע פֶעל, גֶעוֶוען אִיז אַמָאל אַז אַ גוֹי וָואס הָאט זֵייעֶר גֶעגְלוּסְט צוּ דֶעם מַאנְטְל אוּן הָאט גֶעטוּן לְמַעֲשֶׂה, עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ 'עַל נְטִילַת ...' אוּן אַנְטְלָאפְן מִיט דֶעם! ווִי נָאר דִי שׁוֹמְרִים פוּן פָּרִיץ הָאבְּן דָאס גֶעזֶען, הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן אִים צוּ נָאכְלוֹיפְן, אַזוֹי אִיז עֶר גֶעלָאפְן בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְרָאפְן מִיט אוּנְזֶער ר' זוּשָׁא, וָואס אִיז גֶעמוּטְלִיךְ גֶעפָארְן אִין זַיין וָואגְן פַארְטִיפְט אִין זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען. הָאט זִיךְ דֶער גַנָּב גֶעוָואנְדְן צוּ ר' זוּשָׁא אוּן גֶעבֶּעטְן: "אֶפְשָׁר נֶעמְסְטוּ מִיר אַרוֹיף אוֹיף דַיין וָואגְן? עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ גֵיין," ר' זוּשָׁא וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ מְרַחֵם עַל הַבְּרִיּוֹת, הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דֶעם עָרֵל אוּן אִים אַרוֹיפְגֶענוּמֶען אוֹיפְן וָואגְן.

אִינְמִיטְן וֶועג וֶוען דֶער כִיטְרֶער גַנָּב הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז דִי שׁוֹמְרִים פוּנֶעם פָּרִיץ וֶועלְן אָנְקוּמֶען אוּן אִים כַאפְּן מִיט דֶעם טַייעֶרְן מַאנְטְל אִיז אִים אַיינְגֶעפַאלְן אַ גֶעדַאנְק. עֶר וֶועט דַאֲגֶה'ן אַז ר' זוּשָׁא זָאל גָאר זַיין דֶער שׁוּלְדִיגֶער! אַ גוֹי אִיז עֶר גֶעוֶוען אוּן הָאט אַוַודְאַי נִישְׁט גֶעהַאט דִי מִידָּה פוּן הַכָּרַת הַטּוֹב, 'אַדְּרַבָּה' נָאר פַארְקֶערְט פוּן דֶעם. הָאט עֶר גֶעשְׁפִּילְט מִיט תְּמִימוּת אַז עֶר ווִיל עֶפֶּעס בַּאצָאלְן פַאר זַיין גֶעטְרַייעֶן פִירֶער פוּן וָואגְן וָואס הָאט אִים אַרוֹיפְגֶענוּמֶען. עֶר וֶוענְד זִיךְ צוּ ר' זוּשָׁא אוּן זָאגְט: "עֶס אִיז דָאךְ אַזוֹי קַאלְט דָא אֶפְשָׁר וֶועסְטוּ אָנְטָאן מַיין מַאנְטְל אוּן זִיךְ אָנְוַוארֶעמֶען אַבִּיסְל?" ר' זוּשָׁא וָואס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעווּאוּסְט פוּן דֶער גַאנְצֶער מַעֲשֶׂה אַז עֶס אִיז אַ גֶע'גַנְבְ'טֶער מַאנְטְל אוּן עֶר קֶען זִיךְ נָאךְ פַארְפְּלָאנְטֶערְן אוֹיבּ וֶועט עֶר דָאס אָנְטוּן, הָאט זֵייעֶר גֶערְן מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן הָאט עֶס תֵּיכֶף אָנְגֶעטוּן.

ווִי נָאר זֵיי הֵייבְּן אָן צוּ פָארְן וַוייטֶער, קוּמֶען גְלַייךְ צוּ לוֹיפְן שַׂיָּרוֹת פוּן פֶערְד וָואס אוֹיף זֵיי זֶענֶען גֶעזֶעצְן דִי שׁוֹמְרִים פוּנֶעם פָּרִיץ, זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם וָואגְן פוּן ר' זוּשָׁא אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ גְלַייךְ הָאבְּן זֵיי בַּאמֶערְקְט אַז ר' זוּשָׁא זִיצְט אִין וָואגְן מִיט דֶעם טַייעֶרְן מַאנְטְל וָואס זֵיי זוּכְן אוּן יֶעצְט הָאבְּן זֵיי גֶעטְרָאפְן דֶעם גַנָּב.

ר' זוּשָׁא אִיז בַּאלְד בַּאשׁוּלְדִיגְט גֶעוָוארְן מִיטְן גַנְבְ'נֶען דֶעם מַאנְטְל פוּן פָּרִיץ, וָואס דֶער שְׁטְרָאף פַאר דֶעם אִיז זֵייעֶר הַארְבּ. עֶס אִיז גֶעפִירְט גֶעוָוארְן צוּם פָּרִיץ אוֹיף אַ מִשְׁפָּט אוּן אִיז גֶעטְרָאפְן גֶעוָוארְן שׁוּלְדִיג, עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן קַיין טְעָנוֹת וּמַעֲנוֹת אַז דֶער גַנָּב הָאט אָנְגֶעמַאכְט דֶעם גַאנְצְן שְׁפִּיצְל.

בְּלֵית בְּרֵירָה הָאבְּן אוּנְזֶערֶע לַייט אִים גֶעמוּזְט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערְצְן קַיין טְשֶׁערִין, אוּן עֶר אִיז דָארְט גֶעבְּלִיבְּן ווֹאוֹינֶען. אוּן וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי דָבוּק אִין בַּאשֶׁעפֶער, הָאט אִים דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט בַּאצַייטְנְס גֶעקֶענְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי הֶענְט פוּן דֶעם אוֹיפְגֶעבְּרוֹיזְטְן פָּרִיץ.



סוֹף פוּן זַיינֶע יָארְן אִיז עֶר נִפְטַר גֶעוָוארְן אִין שְׁטָאט טְשֶׁערִין אוּן הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ זוּן וָואס הָאט גֶעהֵייסְן ר' שְׁמוּאֵל וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ טַייעֶרֶער יוּנְגֶערְמַאן. ר' לֵוִי יִצְחָק

המשך

# נִישְׁטָא קַיין טָעוּת

אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי, אִיךְ זָאג מוֹדֶה אֲנִי. 'אוֹי, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין זָאקְן אִין לֶעדְל,' אִיךְ יָאג זִיךְ צוּ גֵיין חֵדֶר. אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי צוּגֶעוואוֹינְט אַז יֶעדְן טָאג הָאבּ אִיךְ גְרֵייט רֵיינֶע וֶועשׁ צוּ בַּייטְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז עֶס קוּמְט אַזוֹי אַז מַיין מַאמֶע וַואשְׁט וֶועשׁ אוּן מֶען הָאט וָואס אָנְצוּטוּן, בִּיז דֶעם אִינְדֶערְפְרִי... אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז רֵיינֶע וֶועשׁ אִיז אַ חֶסֶד הַשֵּׁם. מֶען הָאט אַ פְלַייסִיגֶע וַואשׁ מַאשִׁין וָואס וַואשְׁט דִי וֶועשׁ אוּן אַ גֶעטְרַייֶע מַאמֶע וָואס שְׁטֵייט אוּן אַרְבֶּעט אַרוּם דֶעם אַז אִיךְ זָאל זַיין רֵיין אוּן צִיכְטִיג.

אוּנְזֶער וַואשׁ-מַאשִׁין הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן אוּן מַיין מַאמֶע הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט וַואשְׁן וֶועשׁ. דִי בַּארְג שְׁמוּצִיגֶע וֶועשׁ אִיז גֶעוַואקְסְן הֶעכֶער אוּן בְּרֵייטֶער בִּיז עֶס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט צוּם בַּאלְקָאן. שַׁבָּת הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן אַ טָאפּ פִּישׁ זַאפְט אִיבֶּער דִי שְׁמוּצִיגֶע וֶועשׁ... בְּקִצּוּר, דֶער מַצָּב אִיז גֶעוֶוען אוּמְאַנְגֶענֶעם.

מַיין טַאטֶע הָאט מְחַזֵּק גֶעוֶוען מַיין מַאמֶע מִיט אַ וָוארְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט נָאר שֶׁענֶער אוּן שֶׁענֶער." סְ'קֶען זַיין אַז דִי מַאשִׁין הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן אַז מֶען זָאל קֶענֶען קוֹיפְן אַ בֶּעסֶערֶע מַאשִׁין. בִּיז דֶערְוַוייל הָאט מַיין טַאטֶע גֶעהָאלְפְן מַיין מַאמֶען וַואשְׁן וֶועשׁ מִיט דִי הֶענְט. עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי פַאךְ אִין אוּמַאן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה תשפ"א וֶוען עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וַוייל דָארְט פַאר עֶטְלִיכֶע וָואכְן.

מִיר הָאבְּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל קֶענֶען קוֹיפְן אַ נַייעֶ וַואשׁ-מַאשִׁין. מַיין טַאטֶע הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מַאכְן חוֹבוֹת אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן: "אַז מֶען זָאל נִישְׁט דוֹחֵק זַיין דִי שָׁעָה אוּן גְלַייךְ קוֹיפְן אוּן מַאכְן חוֹבוֹת, נָאר עֶנְדֶערְשׁ אוֹיסְוַוארְטְן בִּיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיךְ דֶערְבַּארִימֶען אוּן שִׁיקְן דִי גֶעבְּרוֹיכְן".

אֵיין טָאג קוּם אִיךְ אַהֵיים אוּן צוּ מַיין אִיבֶּערַאשׁוּנְג טְרֶעף אִיךְ אַ נַייעֶ וַואשׁ-מַאשִׁין! מַיין מַאמֶע אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ. אוּן אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: 'אַז דִי וֶועלְט וֶוערְט שֶׁענֶער אוּן שֶׁענֶער' הָאט זִי גֶעקוֹיפְט אַ בֶּעסֶערֶע אוּן אַסַאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע מַאשִׁין פוּן וָואס זִי הָאט פְרִיעֶר גֶעהַאט. פַאר אוּנְזֶער גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער בְּלִי עַיִ"ה הָאט זִיךְ זֵייעֶר אוֹיסְגֶעפֶּעלְט אַ גְרֶעסֶערֶע מַאשִׁין.



מַיין טַאטֶע הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט. עֶר הָאט שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט דַארְפְן נִיצְן אַ 'קְרֶעדִיט קַארְטְל' אָן קַיין דֶעקוּנְג, אוּן אַז מַיין מַאמֶע זָאל נִישְׁט דַארְפְן וַוארְטְן צוּ לַאנְג אוֹיף אַ נַייעֶ מַאשִׁין. יֶענֶעם אִינְדֶערְפְרִי טְרֶעפְט עֶר גֶעלְט אִין זַיין בַּאנְק קָאנְטֶע וָואס זַיין חַבֵר הָאט אִים גֶעשִׁיקְט. מַיין טַאטֶע קְלִינְגְט אִים אָן אוּן פְרֶעגְט אִים פַאר וֶועמֶען עֶר דַארְף גֶעבְּן דָאס גֶעלְט.

"פַאר וֶועמֶען דוּ וִוילְסְט!" זָאגְט עֶר אִים. אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אַז הַיינְט צוּפְרִי הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל גֶעבְּן מַעֲשֵׂר גֶעלְט וָואס עֶר אִיז שׁוֹין זֵייעֶר לַאנְג שׁוּלְדִיג אוּן יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר וִויל גֶעבְּן מַעֲשֵׂר הָאט עֶר אַנְדֶערֶע וִויכְטִיגֶע אוֹיסְגַאבְּן. הַיינְט צוּפְרִי הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ צָאלוּנְג צוּ שִׁיקְן גֶעלְט פַאר אֵיינֶעם אוּן בְּטָעוּת הָאט עֶר גֶעדְרִיקְט אֵיין נָאמֶען אוּנְטֶער דֶעם נָאמֶען וָואס אִיז פּוּנְקְט אוֹיסְגֶעקוּמֶען מַיין טַאטֶענְ'ס בַּאנְק קָאנְטֶע אוּן דִי גֶעלְט אִיז "**בְּטָעוּת**" [מִיט הַשְׁגָּחָה עֶלְיוֹנָה] אָפְּגֶעפְלוֹיגְן צוּ מַיין טַאטֶע'ן...

"אוֹיבּ דִי גֶעלְט אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִיר אִיז פְּשָׁט אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וִויל אַז דוּ זָאלְסְט עֶס נִיצְן פַאר דַיינֶע חֶסֶד צְוֶועקְן מִיט וָואס דוּ בִּיסְט פַארְנוּמֶען, אוּן אַז דוּ וִוילְסְט קֶענְסְטוּ טוּן מִיט דִי גֶעלְט וָואס דוּ וִוילְסְט!" הָאט אִים דֶער חַבֵר גֶעזָאגְט. "אִינְאֵיינֶעוֶועגְס הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אָפְּגֶעצָאלְט מַיין מַעֲשֵׂר," הָאט עֶר אוֹיסְגֶעפִירְט.

וֶוען מַיין טַאטֶע הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז דִי גֶעלְט אִיז פּוּנְקְט דִי סוּמֶע וָואס עֶר בְּרוֹיךְ יֶעצְט הָאבְּן פַאר אַ נַייעֶ וַואשׁ-מַאשִׁין אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם נֵס. עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ אַן עֶנְטְפֶער פוּן אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת!

דֶערְצֵיילְט אַז זַיין שְׁוִויגֶער - דִי חָשׁוּבֶ'ע וַוייבּ פוּן ר' אַהֲרֹן קִיבְּלִיטְשְׁער ז"ל הָאט פַארְצֵיילְט אַז דֶער ר' שְׁמוּאֵל פְלֶעגְט קוּמֶען צוּ גַאסְט אוֹיף שַׁבָּתִים בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ, אוּן פְלֶעגְט אָפְּרֶעכְטְן דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת מִיט דִי זְמִירוֹת מִיט גָאר אַ ווּאוּנְדֶערְלִיכְן שֵׁיינְקַייט אוּן בַּא'טַעמְ'טְקַייט. אַזוֹי אוֹיךְ ר' נָתָן דֶער זוּן פוּן ר' אַבְרָהָם שְׁטֶערְנְהַארְץ ז"ל הָאט נָאךְ גֶעדֶענְקְט דֶעם ר' זוּשָׁא אוּן אַסַאךְ דֶערְצֵיילְט פוּן אִים.

# די זיבן בעטלערס
## ~5~




אַז זֵיי הָאבִּין גוֹמֵר גִיוֶועְן דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעם טָאג. אוּן זֵיי הָאבִּין דֶערְנָאךְ אִיבֶּער גִינֶעכְטִיגְט. אִין דֶערְפְרִיא הָאבִּין זֵיי זִיךְ ווידֶער דֶערְמַאנְט אוּן הָאבִּין גִיבֶּענְקְט וְכוּ׳ נָאךְ דֶעם בֶּעטְלֶער וָואס עֶר הָאט גִיהַאט אַ קְרוּמֶען הַאלְז דֶערְוַוייל קוּמְט עֶר אַרַיין אוּן זָאגְט אִיךְ בִּין דָא וְכוּ׳. פְרִיר הָאבּ אִיךְ אַייךְ גִיבֶּענְטְשְׁט אַז אִיר זָאל זַיין אַזוֹי וִוי אִיךְ. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דְרָשָׁה גִישַׁאנְק אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי וִוי אִיךְ.

אִיר מֵיינְט. אַז אִיךְ הָאבּ אַ קְרוּמֶען הַאלְדְז. אִיךְ הָאבּ גָאר קֵיין קְרוּמֶען הַאלְדְז נִיט. אַדְרַבָּא אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ גְלַייכִין הַאלְז. זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶעם הַאלְז. נָאר סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין הַבְלֵי עוֹלָם. (דְהַיינוּ נַארִישְׁקֵייט פוּן דֶער וֶועלְט) אוּן אִיךְ וִויל גָאר קֵיין שׁוּם דוּךְ אִין דֶער וֶועלְט נִיט אַרַיין לָאזִין. (אוּן דְרִיבֶּער הָאט עֶר אַ פָּנִים וִוי אַ קְרוּמֶער הַאלְז. וָוארִין עֶר פַארְקְרוּמְט דֶעם הַאלְז פוּן דִי הַבְלֵי עוֹלָם אוּן עֶר וִויל גָאר קֵיין שׁוּם דוּךְ אִין דֶער וֶועלְט נִיט אַרַיין לָאזִין).

אָבֶּער צוּם אֶמֶת הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶעם הַאלְז. זֵייעֶר אַ וואוּילִין הַאלְז. וָוארִין אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ וואוּיל קוֹל. אוּן אַלֶע קוֹלוֹת וָואס אִין דֶער וֶועלְט וָואס נָאר אַ קוֹל אָן אַ דִיבּוּר. קָאן אִיךְ אַלֶע קוֹלוֹת נָאךְ מַאכִין מִיט מַיין קוֹל. וָוארִין אִיךְ הָאבּ אַ הַאלְז אוּן אַ קוֹל זֵייעֶר אַ וואוּילְס אוּן אִיךְ הָאבּ אַ הַסְכָּמָה דְרוּיף פוּן דֶער מְדִינָה.

וָוארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אַ מְדִינָה וָואס זֵיי קָאנֶען אַלֶע זֵייעֶר וואוּיל דִי חָכְמָה פוּן מָאזִיקַא. (דְהַיינוּ דִי חָכְמָה פוּן שְׁפִּילִין אוּן זִינְגֶען) אוּן זֵיי זֶענֶען אַלֶע דָארְט עוֹסֵק אִין דֶער חָכְמָה. אוּן אַפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער. סֶע אִיז דָארְטִין נִיט פַארְהַאנְדִין אַ קִינְד וָואס סֶע זָאל נִיט קֶענֶען שְׁפִּילִין אוֹיף עֶפֶּעס אַ כְּלִי שִׁיר. אוּן דֶער קְלֶענְצְטֶער פוּן דֶער מְדִינָה אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער חָכָם אִין אֵיין אַנְדֶערֶע מְדִינָה אִין דֶער חָכְמָה פוּן מָאזִיקַא. אוּן דִי חֲכָמִים אוּן דֶער מֶלֶךְ פוּן דֶער מְדִינָה אוּן דִי קַאפֶּעלְיֵיס זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר ווילְד גְרוֹיסֶע חֲכָמִים. אִין דֶער חָכְמָה.

אַמָאל זֶענֶען גִיזֶעסְן דִי חֲכָמִים פוּן דֶער מְדִינָה. אוּן אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט זַיין חָכְמָה אִין מָאזִיקַא דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט עֶר קָאן שְׁפִּילִין אוֹיף דֶעם כְּלִי שִׁיר. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט עֶר קָאן שְׁפִּילִין אוֹיף דֶעם כְּלִי שִׁיר. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט דֶעם כְּלִי שִׁיר. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט עֶר קָאן שְׁפִּילִין אוֹיף עֶטְלִיכֶע כְּלֵי שִׁיר. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר קָאן שְׁפִּילִין אוֹיף אַלֶע כְּלֵי שִׁיר.

אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. אַז עֶר קָאן מַאכִין מִיט זַיין קוֹל אַזוֹי וִוי דָאס כְּלֵי שִׁיר. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר קָאן מַאכִין מִיט זַיין קוֹל אַזוֹי וִוי דָאס כְּלִי שִׁיר. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר קָאן מַאכִין מִיט זַיין קוֹל אַזוֹי וִוי עֶטְלִיכֶע כְּלֵי שִׁיר. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט אַז עֶר קָאן מַאכִין מִיט זַיין קוֹל אַזוֹי וִוי אַ פּוֹיק פּוּנְקְט. גְלַייךְ וִוי מֶע פּוֹיקְט. אוּן דֶער הָאט

זִיךְ בַּארִימְט. עֶר קָאן מַאכִין מִיט זַיין קוֹל אַזוֹי וִוי מֶע שִׁיסְט אוֹיס פוּן אֵיין הוּרְמַאטֶעס אוּן אִיךְ בִּין דָארְט אוֹיךְ גִיוֶוען (דְהַיינוּ דֶער מִיט דֶעם קְרוּמֶען הַאלְז וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ).

הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפְן אוּן הָאבּ צוּ זֵיי גִיזָאגְט מַיין קוֹל אִיז בֶּעסֶער פוּן אַייעֶרֶע קוֹלוֹת. וְהָא רַאְיָה. וָוארִין אַז אִיר זֶענְט יוֹא אַזוֹינֶע חֲכָמִים אִין מָזִיקַא הֶעלְפְט זֶע דִי צְוֵויי מְדִינוֹת.

וָוארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין צְוֵויי מְדִינוֹת. אוּן דִי צְוֵויי מְדִינוֹת זֶענֶען וַוייט אֵיינֶער פוּן דֶער אַנְדֶערֶער טוֹיזִינְט מַייל. אוּן דָארְט אִין דִי צְוֵויי מְדִינוֹת אַז סֶע קוּמְט דִי נַאכְט קָאן מֶען נִיט שְׁלָאפִין וָוארִין אַז סֶע וֶוערְט נַאכְט אַזוֹי הֵייבִּין זֵיי אַלֶע אָן צוּ קְלָאגִין מִיט אַ קוֹל יְלָלָה. אֲנָשִׁים וְנָשִׁים וְטַף. וָוארִין בַּיינַאכְט. הֶערְט מֶען דָארְט אַ קוֹל יְלָלָה זֵייעֶר (דְהַיינוּ אַ וֵויינִינְדִיק קוֹל פוּן קְלָאגִין) אוּן מַחְמַת דֶעם מוּזִין זֵיי אַלֶע דָארְט אָנְהֵייבִּין צוּ קְלָאגִין. מַאנֶען אוּן וַוייבֶּער אוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער. אַז סֶע זָאל לִיגִין אַ שְׁטֵיין וָואלְט עֶר צוּגָאסִין גִיוָוארִין. אוּן אַזוֹי פִּירְט זִיךְ אִין דִי צְוֵויי מְדִינוֹת.

וָוארִין אִין דֶער מְדִינָה הֶערְט מֶען דָאס קוֹל יְלָלָה מוּזִין זֵיי אַלֶע קְלָאגִין כַּנַ״ל. אוּן אַזוֹי אִין דֶער אַנְדֶערֶע מְדִינָה אִיז אוֹיךְ אַזוֹי. אוּן אֵיין מְדִינָה פוּן דֶער אַנְדֶערֶער אִיז וַוייט טוֹיזִינְט מַייל. בְּכֵן אַז אִיר זֶענְט אַזוֹינֶע חֲכָמִים אִין מָאזִיקָא. (דְהַיינוּ אִיר קָאנְט שְׁפִּילִין אוּן זִינְגֶען) הֶעלְפְט זֶע דִי צְוֵויי מְדִינוֹת. אָדֶער מַאכְט חָאטְשֶׁע נָאךְ דָאס קוֹל (דְהַיינוּ דָאס קוֹל יְלָלָה וָואס מֶע הֶערְט דָארְט מַאכְט נָאךְ דָאס קוֹל) הָאבִּין זֵיי צוּ אִים גִיזָאגְט. וֶועסְטוּ אוּנְז אַהִין פִּירִין. הָאט עֶר גִיזָאגְט. יוֹא. אִיךְ פִּיר אַייךְ אַהִין. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבִּין אַלֶע אַהִין צוּ גֵיין.

זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוּן זֵיי זֶענֶען אַהִין גִיקוּמֶען (דְהַיינוּ צוּ אֵיין מְדִינָה פוּן דִי צְוֵויי מְדִינוֹת הַנַ״ל) וִוי סֶע גִיקוּמֶען נַאכְט. אִיז גִיוֶוען אַזוֹי וִוי תָּמִיד. זֵיי הָאבִּין אַלֶע אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ קְלָאגִין אוּן דִי חֲכָמִים הָאבִּין אוֹיךְ גִיקְלָאגְט. (הָאבִּין זֵיי שׁוֹין גִיזֶעהְן אַז זֵיי קֶענֶען זֵיי נִיט הֶעלְפִין) הָאט עֶר צוּ זֵיי גִיזָאגְט (דְהַיינוּ דֶער וָואס הָאט גִיהַאט אֵיין קְרוּמֶען הַאלְז הָאט גִיזָאגְט צוּ דִי חֲכָמִים הַנַ״ל) עַל כָּל פָּנִים. זָאגְט מִיר פוּן וַואנֶעט אִיז דָאס קוֹל יְלָלָה וָואס מֶע הֶערְט דָארְט פוּן וַואנֶעט אִיז דָאס קוֹל. הָאבִּין זֵיי צוּ אִים גִיזָאגְט. אוּן דוּ וֵוייסְט. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט. אִיךְ וֵוייס יוֹא.

וָוארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין צְוֵויי פֵייגִיל. אֵיינֶער אֵיין עֶר אוּן אֵיינֶער אַ זִי, אוּן דִי פֵייגִיל זֶענֶען נָאר אֵיין פָּאר אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז דִי זִי פַארְפַאלִין גִיוָוארִין. זוּכְט עֶר זִי אוּן זִי זוּכְט אִים. הָאבִּין זֵיי זִיךְ זֵייעֶר לַאנְג גִיזוּכְט. אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע. בִּיז זֵיי זֶענֶען פַאר עֶרְט גִיוָוארִין. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיזֶעהְן אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ שׁוֹין נִיט גִיפִינֶען אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע. זֶענֶען זֵיי גִיבְּלִיבְּן שְׁטֵיין.

אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִימַאכְט נֶעסְטִין. דֶער עֶר הָאט זִיךְ גִימַאכְט אַ נֶעסְט לֶעבִּין אֵיין מְדִינָה פוּן דִי צְוֵויי מְדִינוֹת. אוּן נִיט רֶעכְט נָאהֶנְט נָאר וֶועדְלִיג דָאס קוֹל פוּן דֶעם פוֹיגִיל הֵייסְט דָאס נָאהֶנְט וָוארִין פוּן דֶעם אָרְט וִוי עֶר הָאט זִיךְ גִימַאכְט אַ נֶעסְט קָאן מֶען שׁוֹין פוּן דָארְט הֶערִין זַיין קוֹל אִין דֶער מְדִינָה. אוּן אַזוֹי זִי הָאט זִיךְ אוֹיךְ גִימַאכְט אַ נֶעסְט לֶעבִּין דֶער אַנְדֶערֶער מְדִינָה. (דְהַיינוּ אוֹיךְ אַזוֹי נִיט רֶעכְט נָאהֶנְט. נָאר פוּן דָארְט קָאן מֶען שׁוֹין הֶערִין אִיר קוֹל דָארְט).

אוּן אַז סֶע קוּמְט דִי נַאכְט. אַזוֹי הֵייבִּין אָן דִי פָּאר פֵייגִיל צוּ קְלָאגִין. וָוארִין עֶר קְלָאגְט אוֹיף אִיר. אוּן זִי קְלָאגְט אוֹיף אִים. קְלָאגִין זֵיי זֵייעֶר מִיט אַ גְרוֹיס קוֹל יְלָלָה. אוּן דָאס אִיז דָאס קוֹל יְלָלָה. וָואס מֶע הֶערְט אִין דִי צְוֵויי מְדִינוֹת. וָואס מַחְמַת דֶעם קוֹל מוּזִין זֵיי אַלֶע קְלָאגְן דָארְט אוּן קֶענֶען נִיט שְׁלָאפִין. (אַזוֹי הָאט דֶער קְרוּמֶער הַאלְז זֵיי אַלְץ דֶערְצֵיילְט).

לוּשְׁמִיר זֵיי הָאבִּין אִים דָאס נִיט גִיוָואלְט גְלֵייבִּין. הָאבִּין זֵיי צוּ אִים גִיזָאגְט. וֶועסְטוּ אוּנְז אַהִין פִּירִין (דְהַיינוּ צוּ דִי פֵייגִיל) הָאט עֶר גִיזָאגְט יוֹא. אִיךְ קָאן אַייךְ פִּירִין אַהִין. לוּשְׁמִיר וִוי קָאנְט אִיר קוּמֶען אַהִין. מַיידוּךְ דָא קָאנְט אִיר נִיט אוֹיס שְׁטֵיין דָאס קוֹל יְלָלָה. אוּן אִיר מוּזְט אַלֶע קְלָאגִין. אַז אִיר וֶועט אַהִין קוּמֶען.



המשך אויף זייט 6

וֶועט אִיר זִיךְ שׁוֹין גָאר נִיט קָאנֶען אוֹיסְשְׁטֵיין דָאס קוֹל יְלָלָה.

אוּן בֵּייטָאג קָאן מֶען דָארְט דִי שִׂמְחָה נִיט אוֹיסְשְׁטֵיין. וָוארְן בֵּיי טָאג קוּמֶען זִיךְ דָארְט צוּם אוֹיף פֵייגִיל צוּ אִיטְלִיכְן בַּאזוּנְדֶער. דְהַיְינוּ צוּ אִים אוּן צוּ אִיר. אוּן זֵיי טְרֵייסְטְן זֵיי אוּן מַאכְן זֵיי פְרֵיילִיךְ מִיט זֵייעֶר גְרוֹיסֶע שִׂמְחוֹת. אוּן זֵיי רֵיידִין זֵיי אוֹיס אוּן טְרֵייסְטְן זֵיי. אִיר וֶועט זִיךְ נָאךְ אָפְּזוּכְן. אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע. אוּן זֵיי מַאכְן זֵיי זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ. בִּיז בֵּיי טָאג קָאן מֶען דָארְט דִי שִׂמְחָה נִיט אוֹיסְשְׁטֵיין. אוּן דָאס קוֹל פוּן דֶער שִׂמְחָה הֶערְט מֶען נִיט וַוייט. נָאר אַז מֶען קוּמְט אַהִין. אָבֶּער דָאס קוֹל יְלָלָה דָאס הֶערְט מֶען וַוייט. קָאנְט אִיר דְרִיבֶּער אַהִין נִיט קוּמֶען.

הָאבִּין זֵיי צוּ אִים גִיזָאגְט. קָאנְסְטוּ דָאס פַארְרֶעכְטִין. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט יוֹא. אִיךְ קָאן דָאס פַאר רֶעכְטִין. וָוארִין אִיךְ קָאן נָאךְ מַאכִין אַלֶע קוֹלוֹת פוּן דֶער וֶועלְט. אוּן ווִידֶער אִיךְ קָאן וַוארְפִין קוֹלוֹת. דְהַיְינוּ אִיךְ קָאן וַוארְפִין אַ קוֹל. וָואס דָא ווִי אִיךְ לָאז אַרוֹיס דָאס קוֹל. זָאל מֶען דָאס קוֹל גָאר נִיט הֶערִין. נָאר וַוייט זָאל מֶען דָארְט דָאס קוֹל הֶערִין דְרִיבֶּער קָאן אִיךְ וַוארְפִין דָאס קוֹל פוּן אִיר צוּ אִים. דְהַיְינוּ דָאס קוֹל וָואס אִיךְ וֶועל אִיר נָאךְ מַאכִין זָאל אָנְקוּמֶען נָאהֶנְט צוּ דֶעם אָרְט וואוּ עֶר אִיז. אוּן אַזוֹי קָאן אִיךְ וַוארְפִין זַיין קוֹל אַז סֶע זָאל אָנְקוּמֶען נָאהֶנְט צוּ אִיר. אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועל אִיךְ זֵיי צוּם אוֹיף צִיהֶען. (בִּיז עֶר וֶועט זֵיי צוּם אוֹיף בְּרֶענְגֶען).

לוּשְׂמִיר וֶוער וֶועט דָאס אִים גְלֵייבִּין. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט זֵיי גִיפִירְט אִין אַ וַואלְד אַרַיין. הָאבִּין זֵיי גִיהֶערְט. אַזוֹי ווִי אֵיינֶער עֶפִּינְט אוֹיף אַ טִיר אוּן פַארְמַאכְט זִי ווִידֶער אוּן טוּט אַ קְלַאפּ מִיט דֶער קְלַאמְקֶע. אוּן שִׁיסְט אוֹיס מִיט אַ בִּיקְס. אוּן שִׁיקְט נָאךְ דֶעם הוּנְט אַז עֶר זָאל חַאפִּין. אוּן דֶער הוּנְט הָאט גִיגְרַאזְנִיט אִין שְׁנֵיי. אוּן דָאס הָאבִּין זֵיי אַלְץ גִיהֶערְט. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוּם גִיקוּקְט. הָאבִּין זֵיי נִיט גִיזֶעהְן קֵיין שׁוּם זַאךְ אוּן פוּן אִיהם הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ נִיט גִיהֶערְט קֵיין שׁוּם קוֹל. (נָאר עֶר דְהַיְינוּ דֶער קְרוּמֶער הַאלְז הָאט עֶר עֶס גִיוָוארְפִין אַזוֹינֶע קוֹלוֹת. הָאבִּין זֵיי זִיךְ שׁוֹין גִיזֶעהְן אַז עֶר קָאן נָאךְ מַאכִין אַלִירְלֵיי קוֹלוֹת אוּן עֶר קָאן וַוארְפִין קוֹלוֹת).

(אוּן וַוייטֶער הָאט עֶר דָא נִיט דֶערְצֵיילְט. אוּן סֶע גֵייט דָא נָאךְ אָפּ).

נִמְצָא הָאבּ אִיךְ אַ הַסְכָּמָה פוּן דֶער מְדִינָה. אַז אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ וואוֹיל קוֹל אוּן אִיךְ קָאן נָאךְ מַאכִין אַלֶע קוֹלוֹת פוּן דֶער וֶועלְט. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דָאס בְּמַתָּנָה גְמוּרָה דְרָשָׁה גִישַׁאנְק אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי ווִי אִיךְ. אִיז דָארְט גִיוָוארִין אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה זֵייעֶר.

* * *



# מיין מדות ווינקל

## קְרֶעכְצְן - אֲנָחָה

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין תּוֹרָה ח' חֵלֶק א' אַז קְרֶעכְצְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס אִיז מַשְׁלִים אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת, דָאס מֵיינְט אַז וֶוען עֶס פֶעלְט עֶפֶּעס פַאר אַ מֶענְטְשׁ אוּן עֶר קְרֶעכְצְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דֶעם אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מְמַלֵּא אַלֶע זַיינֶע זַאכְן וָואס עֶס פֶעלְט אִים.

דָאס אִיז זֵייעֶר פַּאסִיג אִין דִי טֶעג. פַּאר דִי אִידְן אִין מִצְרַיִם זֶענֶען גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט - זָאגְט דֶער פָּסוּק וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבֹדָה וַיִּזְעָקוּ וַתַּעַל שַׁוְעָתָם - אַז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעקְרֶעכְצְט, הָאט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זֵיי צוּגֶעהֶערְט אוּן גֶעשִׁיקְט דֶעם גּוֹאֵל זֵיי אוֹיסְצוּלֵייזְן.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער מֶען דַארְף ווִיסְן אַז דִי זַאךְ פוּן קְרֶעכְצְן דַארְף זַיין נָאר אֵיין שָׁעָה אִין טָאג, בַּיי דִי שָׁעָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, דִי אַנְדֶערֶע שָׁעוֹת פוּן טָאג דַארְף מֶען זַיין מְשֻׁנֶּה פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין צְוֵוייטְן חֵלֶק תּוֹרָה כ"ד [קוּק דָארְט].

אִין סֵפֶר מַעְיָנִים בַּנְּחָלִים מִכְתַּב ה' שְׁרַייבְּט עֶר אַז עֶס אִיז דָא אַ טָעוּת בַּיי דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים אוּן בַּיי מְקָרְבִים אַז מֶען דַארְף קְרֶעכְצְן אַ

המשך אויף קומענדיגער זייט

גַאנְצְן טָאג, עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, נָאר אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אוּן צְוֵוייטְן חֵלֶק תּוֹרָה כ"ד. דֶער עִיקָר סִבָּה פַארְוָואס עֶס אִיז דָא מְקֹרָבִים וֶועלְכֶע זֶענֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ מִיט דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִיז וֶועגְן דעם טָעוּת אַז זֵיי קְרֶעכְצְן צוּפִיל.

דֶערִיבֶּער לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּזַאמֶען מִיט הִתְקַשְּׁרוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי אוּן טוּן דִי עֵצָה פוּן קְרֶעכְצְן, וֶועט בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נִתְמַלֵּא וֶוערְן אַלֶע זַאכְן וָואס פֶעלְט אוּנְז, אוּן דִי אִיבְּרִיגֶע צַייט פוּן טָאג וֶועלְן מִיר זַיין מְשֻׁנֶּה פְרֵיילִיךְ בִּיז עֶס וֶועט שׁוֹין מְקֻיָּם וֶוערְן דֶער וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אוּן דִי גְאוּלָה הַשְּׁלֵמָה.

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת אוּן אַ כָּשֵׁר'עַ פֶּסַח**

## די דרייצנטע מעשה (5) - פון די זיבן בעטלירס

**א. *שאלת זכות: ווען האט דער רבי דערציילט פון דעם בעטלער וואס האט א קרומע האלדז?*** (עיין יאי' אוהרנ"ת א"ב)
- ☐ שב"ק כ"ה אדר תק"ע
- ☐ שב"ק ג' ניסן תק"ע
- ☐ דינסטאג ו' ניסן תק"ע

**ב. ווי אזוי איז געווען באמת די האלז פון דעם פערטן בעטלער?**
- ☐ א קרומער האלדז
- ☐ זייער א גלייכע האלדז
- ☐ זייער א גלייכע און א שיינע האלדז

**ג. וואספארא קול האט דער בעטלער געהאט?**
- ☐ א הייזעריגע קול
- ☐ א פשוט'ע קול
- ☐ זייער א וואויל קול

**ד. פון וועמען האט ער א הסכמה?**
- ☐ פון די מדינה וואס לעבן חיים טובים
- ☐ פון דעם אמת'ן איש חסד
- ☐ פון די מדינה וואס אלע זענען חכמים אין מוזיקא

**ה. וויפיל חכמים רעכנט דער רבי אויס וואס האבן זיך בארימט מיט די חכמה פון נגינה?**
- ☐ דריי
- ☐ זיבן
- ☐ צען

**ו. וועלכע קולות איז דער רבי מפרט אז זיי קענען עס נאכמאכן?**
- ☐ א פויק און א פידל
- ☐ א פויק און א פייפער
- ☐ א פויק און וואו מ'שיסט פון הורמאטעס

**ז. מיט וואס איז די קול פון דעם בעטלער בעסער פון זייערע?**
- ☐ ווייל זייער קול איז שטילער
- ☐ ווייל זייער קול איז מער הייזעריגער
- ☐ ווייל זיי קענען נישט העלפן די צוויי מדינות

**ח. וואו ווייט זענען די צוויי מדינות איינס פון די אנדערע?**
- ☐ פינף הונדערטער מייל
- ☐ טויזענטער מייל
- ☐ א תחום שבת

**ט. וואס געשעהט ביינאכט ביי די צוויי מדינות?**
- ☐ די עלטערע מענטשן קלאגן מיט א וויינענדיגע קול
- ☐ די ווייבער קליינע קינדער קלאגן מיט א וויינענדיגע קול
- ☐ מענער ווייבער און קינדער קלאגן מיט א וויינענדיגע קול

**י. וואס איז געשען צו די חכמים ווען זיי האבן געהערט די קלאגן פון די מדינה?**
- ☐ זיי האבן געזאגט אז זיי האבן א עצה זיי צו העלפן
- ☐ זיי האבן אויך אנגעהויבן קלאגן
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יא. וואס זאגט דער בעטלער פון וואו קומט דער קול וואס דורך דעם קלאגן די מדינות?**
- ☐ פון צוויי פייגל וואס זוכן זיך איינס דאס אנדערע
- ☐ פון א לייב וואס שרייט
- ☐ פון מענטשן וואס קלאגן

**יב. פארוואס קענען נישט די חכמים קומען צו די פייגל?**
- ☐ ווייל דער בעטלער קען זיי נישט אהינפירן
- ☐ ווייל ס'איז א סכנה'דיגע וועג
- ☐ ווייל זיי וועלן נישט קענען אויסהאלטן די קול יללה

**יג. און פארוואס קענען נישט די חכמים קומען דארט בייטאג?**
- ☐ ווייל נאנט הערט מען די קול יללה אויך בייטאג
- ☐ ווייל דער בעטלער קען זיי נישט אהינפירן
- ☐ ווייל זיי וועלן נישט קענען אויסהאלטן די שמחה וואס איז דא דארט בייטאג

**יד. וואו ווייט הערט מען די קול פון די שמחה בייטאג?**
- ☐ אזוי ווייט וואו די קול יללה פון ביינאכט
- ☐ ווייטער פון די קול יללה פון ביינאכט
- ☐ נאר אז מ'קומט אהין (ביי די פייגל)

**טו. צו וואו האט דער בעטלער געפירט די חכמים?**
- ☐ אין א וואלד אריין
- ☐ צו זיין שטוב
- ☐ צו א גארטן

**טז. פון וועלכע זאכן האבן זיי דארט געהערט א קול?**
- ☐ פון א פויק, א פידל, א טיר און א הונט
- ☐ פון א טיר-קלאמקע, א ביקס און א הונט
- ☐ פון א פויק, א פידל און א טיר-קלאמקע.

**יז. *וואס לערנסטו זיך פון די מעשה פון דעם טאג?***
- ☐ *אז ס'איז ראווי גאר שטארק זיך צו פרייען, מיטן האפן אז מ'וועט זיך נאך טרעפן*
- ☐ *די גרויסקייט פון דעם בעטלער וואס העלפט די מדינות*
- ☐ ______________________________

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**1-518-329-9149 646-518-1095**

בס"ד

# טייערע קינדער
# היכונו!
## צום גרויסן מעמד

סיום ספורי מעשיות

געלערנט געווארן אויף די סדר פון "דעם רבינ'ס מעשיות"

## וואס וועט בעז"ה פארקומען ב'
## דחול המועד פסח (יום שני)

בשעה 1:30 נאכמיטאג

## אין בית שמש

אייינטריט (דמי כניסה) 15 ש"ח לכיסוי הוצאות, מען קען קויפן א קארטל ביי ר' יואל יאראוויטש אדער ביי די ספרים ווינקל פון - אור הנחל - אנשי הצדיק - תפארת הנחל

*הגרלות מיוחדות מ500 נקודות ומעלה מהבחינות של סיפורי מעשיות, נשאר עוד 2 שבועות להוסיף נקודות. ועוד הגרלה לכל משתתפי המעמד*

## דברי פתיחה
הרה"ח ר' שמעון אליהו ברוין שליט"א
ועוד כמה מחשובי אנ"ש במודעה נפרדת



## דעם רבי'נס משלים
פארצייילט און אויפגעשפילט דורך אינגעלייט מחשובי אנ"ש באגלייט מיט כלי שיר.

בעז"ה נאך גאר אינטערעסאנטע... אין די קומענדיגע מודעות

דער מעמד איז פאר אלע קינדער אפילו ווער עס האט נישט געענדיגט סיפורי מעשיות



אוּן סֶע אִיז דָארְט זֵייעֶר אַ שִׂמְחָה גִיוֶוען. אוּן סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען אַלֶערְלֵיי זַאכְן פוּן שִׂמְחָה. קַאפֶּעלְיֶיעס אוּן קָאמֶעדְיֶיעס אוּן דֶעסְט גְלַייכְן, אוּן אַלְדִינְג וָואס סֶע נִיצְט נָאר צוּ שִׂמְחָה. (ז' בעטלערס)

פרטים יבואו אי"ה

דעם רבינ'ס ליכט

